# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:10
מוצאי יו"ט........................9:39

**שיעורים כסדרן** (שב"ק)
נ"ך.................שמואל-א' ח'-ט'
בבלי......................בכורות נ"ב
ירושלמי.............מעשר שני ט'
תוספתא............תענית פרק א'
רמב"ם............פרה אדומה ט"ו


פרשת במדבר, ערב יום טוב שבועות, אבות פרק ו', שנת תשע"ט לפ"ק — שנה 8, גליון 39 (399)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד.** רַשִׁ"י זָאגְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן, צֵיילְט עֶר זֵיי צוּ יֶעדֶע צַייט.

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) **אַז יֶעדֶער** אִיד הָאט אַ נְקוּדָה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן. אוּן מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, אָבֶּער יֶענֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דִי נְקוּדָה וָואס עֶר הָאט.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעצֵיילְט דִי אִידְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאזוּנְדֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים תכח, ד') אַז שְׁטֶענְדִיג לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת.

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד. וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת אִין דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, אוּן אוֹיבּ רֶעדְט מֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ אִיד, מִיט דֶעם פַּסֶל'ט מֶען אֵיין אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס פָּסוּל, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, נִישְׁט זִיךְ אוּן נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן. אוּן אַזוֹי קֶען מֶען צוּגֵיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט גְרוֹים חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִדְבָּר א)

***

**וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג צוּם פָאלְק, עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵיילִיגְט אוּן גֶעוַואשְׁן דִי קְלֵיידֶער.

מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקְן אוּן שְׁלָאפְן, וֶוען מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם,** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם,** אוּן עֶר הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס פָאלְק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ה)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען שוֹין זוֹכֶה אַרַיין צוּ גֵיין אִינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה; דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען וִויל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף מֶען פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען דַארְף זִיךְ גֶענְצְלִיךְ בַּאנַייעֶן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

מוֹהָרָא"ש זָאגְט אַ שֵׁיינֶע טַעַם פַארְוָואס מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה", וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ; דֶערִיבֶּער וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס, כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען וִוי נַיי גֶעבּוֹירְן; אַ קְלֵיין קִינְד
<<<<<<

## א גוט ווארט

נָאךְ אַן עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר, לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן סח) וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר וָואס עֶס פַּאסִירְט וֶוען מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף. אַז דוּרְךְ כַּעַס פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט, וַוייל כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ; יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ רַייכְטוּם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע - וָואס וִויל נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רַייךְ וֶוערְן - אוּן בְּרֶענְגְט אִים אַ נִסָיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף פַארְלִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע עַשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז מַמְשִׁיךְ אַז כַּעַס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע נִסָיוֹן אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דִי כַּעַס וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין עַשִׁירוּת - דָאךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי תּוֹרָה, זָאלְסְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דִי תּוֹרָה אוּן זִיךְ אוֹיסְבֵּעטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דִיר שוֹין נִישְׁט גְלוּסְטְן זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בַּמִדְבָּר תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעוֶוינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען?



**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים, נִיגוּנִים, אוּן בְּרִיוו. מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת.

אִיךְ לֶערְן ב"ה רוֹב טָאג, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אִין לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בִּין ב"ה מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִין אֵייעֶר זְכוּת הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען שׁוֹין צוּ עֶנְדִיגְן צְוֵויי מָאל מִשְׁנָיוֹת אוּן עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער ב"ה אַ גוּטְן קָאפּ, אִיךְ קֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ לֶערְן, אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי אִיךְ זָאל טַאקֶע נָאר זָאגְן, אָדֶער אֵיינֶער וָואס קֶען לֶערְנֶען דַארְף יָא לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט. אָדֶער אֶפְשָׁר דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ חֹק קָבוּעַ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת מִיט זִיבְן בְּלַאט גְמָרָא וְכַדוֹמֶה, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס מְ'עֶנְדִיגְט דִי שִׁיעוּרִים, קֶען מֶען פְּרוּבִירְן צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן, אִיךְ בִּין יֶעצְט זֵייעֶר אַסַאךְ עוֹסֵק אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, כִּמְעַט רוֹב טָאג לֶערְן אִיךְ נָאר דָאס. אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג, אָדֶער דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען רוֹב טָאג גְמָרָא וְכַדוֹמֶה, אוּן נָאר אַבִּיסְל צַייט אַוֶועקְגֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים? אָדֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין כְּלַל אִין דֶעם, נָאר יֶעדֶער דַארְף טוּן לוֹיט וָואס עֶס צִיעֶט אִים?

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ח אִיָּיר, לַ"ג בָּעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה, דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ מְסַיֵּם זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן אַפָּאר מַסֶכְתּוֹת אִין שַׁ"ס אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן (כִּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, פַארְשְׁטֵייט דָאס דִי נְשָׁמָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): **"וְדַע שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח"**, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען דִי נְשָׁמָה אַלֶעס וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְגֶעסְן, **"גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ"**, אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט, **"לֶעָתִיד - בָּעוֹלָם הַבָּא - יָבִינוּ"**, וֶועט מֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, **"כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת"**, וַוייל דֶער עִיקָר וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה, **"שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה"**, אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן דִי נְשָׁמוֹת פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט; **"אַשְׁרֵי הַמְבַלֶּה יָמָיו בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה"**, וואוֹיל אִיז פַאר'ן מֶענְטְשׁ וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט תּוֹרָה אוּן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

חוּץ פוּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד

<<<<<<

>>>>>>

עֶסְט דָאךְ נָאר מִילְךְ, דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס צוּ וַוייזְן אַז מִיר זֶענֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, מִיר הֵייבְּן אָן פוּן דָאסְנֵיי זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: מֶען זֶעט אַז דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְן אוֹת 'ב' וָואס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: פַארְוָואס עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת? וַוייל יֶעדֶע עֶסְן וָואס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט נִיצְן, מֶען וַוארְפְט דָאס אַוֶועק, חוּץ מִילְךְ; וָואס אֲפִילוּ אַז עֶס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען דָאס נָאךְ נוּצְן, מֶען קֶען מַאכְן דֶערְפוּן קֶעז; דֶערְפַאר עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת, וַוייל מֶען ווִיל וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ: אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיסְט פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן, דָאךְ קֶענְסְטוּ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק, אַזוֹי וִוי פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ וָואס מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק נָאר מֶען מַאכְט דֶערְפוּן פֵיינֶע קֶעז.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יֵאוּשׁ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!", זָאגְט ר' נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג): דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן בְּקוֹל גָדוֹל: "גִיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען"; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי יֵאוּשׁ, נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: "גֶעבּ זִיךְ אוּנְטֶער!" עֶר ווִיל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּיי זִיךְ אָפְּמַאכְן אֵיין מָאל פַאר אַלֶעמָאל אוּן זָאגְן: "אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן!" יֶעדֶעס מָאל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת אִיז זַיין כַּוָונָה נָאר מַחְלִישׁ דַעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ פְּרָאבִּירְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ; דָאס וַוייזְט אוּנְז דֶער מִנְהָג פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס: "פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען קֶעז", דָאס הֵייסְט: "פוּן אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר: "שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הֵייבּ זִיךְ אוֹיף!" אוּן זֵיי נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט בַּיי דִיר. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן דֶעם מַאֲמַר חַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה - דָאס הֵייסְט, עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: רֶעכְן אִיךְ כְּאִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶערְפַאר, יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעכֶענֶען כְּאִילוּ דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער נִישְׁט; דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא צִי נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען. עֶס אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ שָׁבוּעוֹת, עֶס אִיז גֶעמַאכְט מִיט דְרֵיי עֶקְן; דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע שִׁיךְ, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַ שׁוּךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ שׁוּךְ, דָאךְ פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם דְרֵיי עֶקִיגְן שׁוּךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, וִוי זִיס אִיז מַיין שִׁיךְ, וִוי הָאנִיגְדִיג אִיז מַיין שִׁיךְ, וָואסְפַארַא צוּקֶערְדִיגֶע שִׁיךְ, אַ וואוֹילֶע שִׁיךְ", זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַזוֹי, פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס אַסַאךְ מֶער גֶעלְט וִוי דוּ נֶעמְסְט פַאר דַיין שִׁיךְ?" פְלֶעגְט דֶער תָּם אִיר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, לָאמִיר זֶען ווִיפִיל אִיךְ פַארְדִין מִיַּד לְיַד".

דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר שָׁבוּעוֹת דְרֵיי עֶקִיגֶע קְרֶעפְּלֶעךְ, צוּ גֶעדֶענְקֶען, אַז אֲפִילוּ אוּנְזֶער דַאוֶוענֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאל מֶען זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם, אוּן אַז דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְן מִיר זָאגְן דִי אַלֶע לְשׁוֹנוֹת וָואס דֶער תָּם הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעזִינְגֶען צוּ זַיין שִׁיכֶלֶע; וַוייל דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן: "אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁלֵימוּת".

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ אוֹיף בְּלַייבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט; עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַקְדָמָה ח.) אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אוֹיפְגֶעוֶוען שָׁבוּעוֹת אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים - פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם

<<<<<<

> "פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען קֶעז", "פוּן אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

>>>>>>
לֶעצְטְן פָּסוּק, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זֵיי מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְווֹת; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

מִיר בְּלַייבְּן אוֹיךְ אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צוּ זָאגְן דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת; מֶען זָאגְט דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֶדְרָה פוּן חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תּוֹרָה, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְווֹת. דָאס אִיז דֶער עִיקָר תִּיקוּן, דִי אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע פְּסוּקִים דָאס הָאט מֶען צוּגֶעלֵייגְט, אָבֶּער דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק; אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן, דֶערְפַאר גֵייט מֶען שְׁלָאפְן וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זָאגְן דֶעם גְרוֹיסְן תִּיקוּן.

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים; שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיינַאכְט, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט; מֶען קֶען פּוֹעֶלְ'ן אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת; דִי אַלֶע וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף סְתַּם צוּ רֵייכֶערְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן אַז זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן. אָדֶער לֶערְנְט מֶען אָדֶער אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן זַיין דָבוּק אִין אִים.

פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נו): "הַמִּקְוֶה שֶׁל שָׁבוּעוֹת הִיא מִקְוֶה שֶׁל שַׁעַר נ', שֶׁהוּא שַׁעַר הָעֶלְיוֹן מֵחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי בִּינָה, שֶׁהוּא שֵׂכֶל וְדַעַת עֶלְיוֹן, חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים", וֶוען מֶען טוֹבְלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז מֶען זוֹכֶה מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר, נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶעם 'תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת' זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבְלְ'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס מֵיינְט 'שַׁעַר הַחֲמִישִׁים' אוּן דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וְכוּ'. דֶער תִּיקוּן גֶעשֶׁעט פוּן זִיךְ אַלֵיין, צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט יָא צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דוּ גֵיי אִין מִקְוֶה 'עַל דַּעַת כָּל הַצַּדִּיקִים, וְעַל דַּעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב וְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים'.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ טַאנְצְן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב; פְרֵיי דִיר שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ פְּלִיאָה) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה' אֱלֹהֶיךָ", הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" אַלֶע פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער קֶשֶׁר אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא; וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי"; אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז מֶען אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ, "אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס דוּ ווִילְסְט נָאר זָאגְן אוֹיף מִיר קֶענְסְטוּ זָאגְן, אָבֶער אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בַּמִּדְבָּר תשע"ח)

>>>>>>
מוהרא"ש און מעביר סדרה געווען ווי די הלכה איז אין שו"ע, יעדע וואך אנגעהויבן פון זונטאג, איז א גרויס שמחה ביי זיי היינט אז מ'האט זוכה געווען נאכאמאל צו ענדיגן גאנץ ספר ויקרא. אבער פארקערט ווער עס וויל נאר שלימות, אוןווארט ביז פרייטאג צו מעביר סדרה זיין נאכ'ן דאווענען מיט די תפילין וכו', און צוליב דעם איז ער למעשה נישט אנגעקומען מעביר סדרה צו זיין, איז ער יעצט נעבעך א "חוזק חוזק ונתחזק". דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט מיט'ן מעורר זיין אז יעצט אין די זומערדיגע לאנגע שבת נאכמיטאגס, בלייבט נאך איבער גענוג צייט נאך די סעודה, שלאפן, און פארברענגען מיט די משפחה; אריינצוכאפן אויך עפעס צו לערנען ביז מנחה.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון תפלה - רעדן צום אייבערשטן, בפרט אז מ'געפינט זיך דא אינדרויסן פון שטאט, וואו מ'קען לעבן און אטעמען נאר מיט'ן אייבערשטן, דא איז מען ארומגענומען מיט גראז און ביימער. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז אמאל איז דער רבי געפארן מיט א בעל עגלה, און עס איז געווארן א טרעפיק, איז דער בעל עגלה אריינגעפארן אין וואלד און געזאגט פאר רבין "איך פאר אראפ פון די געהעריגע וועג, איך לאז אויס דעם טרעפיק, אבער דערנאך קום איך צוריק צום אלטן וועג", האט דער רבי זיך צעפייערט און געזאגט פאר די ארומיגע "איך טו דאך אויך די זעלבע זאך, עס זעט אויס ווי איך האב גענומען א נייעם וועג, אבער באמת איז דאס גאר אן אלטן וועג, דער וועג פון אונזערע אבות אברהם יצחק און יעקב", און האט ארויסגעברענגט אז רעדן צום אייבעשטן איז נישט קיין "ברסלב'ע זאך", אלע צדיקים האבן גערעדט פון דעם, נאר ווייל אין ברסלב האט מען זייער אסאך גערעדט פון דעם, ווייל דאס איז געווען אן עיקר ביים רבין, מיינט מען אז עס א "ברסלב'ע זאך".

עס מאכט זיך ליידער - האט דער ראש ישיבה געזאגט - מ'מאכט חתונה א קינד, און גענדיגט, מ'הערט מער נישט פון אים, די עלטערן קענען קוים ווארטן צו הערן א ווארט, א רוף, און פלוצלינג דער טעלעפאן קלינגט, דער קינד זיך דערמאנט אז ער האט טאטע מאמע, וואס פארא שמחה איז דאס פאר זיי! די זעלבע זאך פי כמה וכמה, באין שיעור וערך, דער אייבערשטער ווארט אז מיר זיינע קינדער זאלן טראכטן פון אים און רעדן צו אים, וואס פארא שמחה ווערט אין אלע וועלטן ווען א איד דערמאנט זיך פונעם אייבערשטן, און זאגט אפילו נאר איין ווארט צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז יעדער מענטש גייט דורך שוועריקייטן, און וויל זיך אויסצורעדן, אנשטאט זאלסט יעצט גיין צו א פסיכאלאג, א טערעפיסט, און צאלן שווערע געלטער, ענדערש גיי צום אייבערשטן און רעד זיך אויס צו אים. דער טערעפיסט קען זיך אליינס אפילו נישט העלפן, אפילו ווען ער זאל וועלן, אבער דער אייבערשטער ווארט פשוט אויף דיר זאלסט רעדן צו אים, און נאר דערפאר האט ער דיר געשיקט דיין ענגשאפט. קוק אין ביהמ"ד ווערסטו זען, ווער נעמט ארויס א תהלים? איינער וואס האט עפעס א צרה.

דערנאך איז דער שמועס אריבער צום סדר דרך הלימוד. דער ראש ישיבה האט געזאגט, "אויב דו האסט א חברותא מיט וועם דו לערנסט, געב עס נישט אויף. אבער מאך דיך א חשבון, וויפיל טעג א יאר האסטו נישט קיין חבורתא, צום ביישפיל שבת און ערב שבת, און אזוי ווייטער, צוזאמען קען עס אויסקומען א גוטע 100 ביז 150 טעג א יאר. מאך דיר א באזונדערע סדר - אויסער דיין חברותא - יעדן טאג צו "זאגן" א בלאט גמרא, און אפאר פרקים משניות, און דאס גלייכן.

נאך מעריב האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א בלאט גמרא בבלי און ירושלמי, און מיט דעם האט זיך דער שיינער געהויבענער שבת געשלאסן.

**השבת נועם הנשמות!**

>>>>>>
בְּגִירְסָא, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן עו): "**גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בִּקְצָת עִיּוּן**", מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין עִיּוּן יֶעדְן טָאג; אָבֶּער רוֹב צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסַאךְ גְמָרָא אוּן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

דוּ פְרֶעגְסְט אִין דַיין בְּרִיוו: וִוי קֶען מֶען זָאגְן אָן פַארְשְׁטֵיין, מֶען זֶעט דָאךְ פוּן רֶבִּי'ן אַז מֶען דַארְף יָא פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ח): "**כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ**", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "**וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו**", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "**וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת**", עֶר הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיוֹת; זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף יָא פַארְשְׁטֵיין?

דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, וַוייל אַוַדַאי דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אַז מֶען וִויל פַארְשְׁטֵיין - אַז דָאס זָאל מוֹנֵעַ זַיין פוּן לֶערְנֶען.

אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֶמֶת'עֶ אוֹיג זֶעט מֶען אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ אָפּ פוּן לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס מֶען ווִיל פַארְשְׁטֵיין, אוּן מֶען הָאט יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען. אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, דָאס שְׁנַיידְט שְׁטִיקֶער, וַוייל דָאס אִיז אַ דֶרֶךְ הַלִּימוּד פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן יֶעדֶע צַייט. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס קֶען מוֹנֵעַ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין קָאפּ, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט. נָאר וואוּ מֶען אִיז, אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, נֶעמְט מֶען דֶעם מִשְׁנַיוֹת אוּן מֶען זָאגְט אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, מֶען נֶעמְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן מֶען זָאגְט אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ מְסַיֵּם זַיין כַּמָּה פְּעָמִים כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אוּן דָאס פַארְשְׁטֵיין.

אַז דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּלָאזְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט בְּמֶשֶׁךְ אַ שְׁטִיק צַייט גֶעלֶערְנְט אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְלַייסִיג דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז עֶר פְלֶעגְט דָאס עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר - דְרַייסִיג חֳדָשִׁים בִּרְצִיפוּת. רֶבִּי נָתָנ'ס הִתְחַזְּקוּת אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בְּלוּט אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַבֵּר זַיין דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים, פּוּפְצְן הוּנְדֶערְט בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט קוּנְטְרֵסִים הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן, וָואס אִיז הִתְחַזְּקוּת - אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת - פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין אַלֶע מַצָּבִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בְּהַר תשע"ט)




**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**

BreslevCenter.com\answers

# אַ נַייעֶ תּוֹרָה

מוֹהֲרַא"ש זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ פְרֵייעֶן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּהֵייבְּן דִי תּוֹרָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן נַיי.

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי נָתָן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְּתִיחָה צוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין אִין אַ גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּן גֶעזָאגְט "אַ נַייעֶ תּוֹרָה, אַ נַייעֶ תּוֹרָה", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אַרוּם דִי בִּימָה, אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אוּן מִיטְגֶעטַאנְצְן מִיט אִים.

וַוייל שָׁבוּעוֹת אִיז דִי צַייט וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, קֶען יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַז פוּן יֶעצְט וֶועט מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"ש חֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

# הָאסְטוּ גֶע'גַנְבְ'ט?

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל פָארְגֶעהַאלְטְן אַ אִיד פַארְוָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, הָאט זִיךְ דֶער אִיד פַארְעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף עֶר פְּרוּבִּירְן אַרָאפּ צוּ גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת לא.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?", בִּפְּשְׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט יֶעדְן טָאג אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער דָאס וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גַנְבְ'עֶנֶען, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כב, כג) "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ". דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפְּגֶע'גַנְבְ'ט עֶפֶּעס צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפד)

# יֶעדֶער אִיד וִויל לֶערְנֶען

דֶער אֱמֶת אִיז, אַז יֶעדֶער אִיד וִויל לֶערְנֶען, יֶעדֶער אִיד וִויל עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר פַארְוָואס זֶעט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער לֶערְנְט? דָאס קוּמְט נָאר פוּן דֶעם, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וִויל לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן וֶועג, אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר שׁוֹין קֶענֶען קְלָאר דִי גְמָרָא, אוּן לְמַעֲשֶׂה זֶעט עֶר דָאךְ אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט אַזַא גוּטֶע קָאפּ, אָדֶער וַוייל עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט זַיין קָאפּ, מִמֵּילָא וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן צוּ פַארְבְּרֶענְגְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף טָאג, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער אֵיין בְּלַאט גְמָרָא, אָדֶער אֵיין סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וֶוערְט עֶר צוּבְרָאכְן פוּן דֶעם, אוּן צוּם סוֹף הֶערְט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען. אוֹיבּ אָבֶער עֶר וֶועט פָאלְגְן אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה אִין אַ סֵדֶר, וֶועט עֶר אַרַיינְכַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט צוּם סוֹף אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף זַיין קָאפּ, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַלֶעס.

אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲבוֹדָה זָרָה י"ט.) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, אוּן אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, גֵייט יֶעדֶעס וָוארְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע וָוארְט.

(קוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד)


## עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
## קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

מיט לויב און דאנק צום אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים, וויל איך לאדענען אלע אנשי שלומינו, קרובים וידידים, צו די שמחת החתונה פון מיין זון

הבחור החתן **שלמה** ני"ו

וואס וועט פארקומען אי"ה

**דינסטאג נשא, אסרו חג שבועות, הבעל"ט**

**בבית המדרש היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג**

**27 Skillman St.**

שמחת חתן וכלה בשעה 8:00

דער אייבערשטער זאל אייך געבן שמחה ונחת
פון אלע קינדער געזונטערהייט

**יואל ראטה**


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## דער ראש ישיבה שליט"א מאכט חתונה אין בית המדרש

דעם קומענדיגן דינסטאג, אסרו חג שבועות, וועט אי"ה פארקומען די חתונה פון בנו בכורו פונעם ראש ישיבה שליט"א, החתן שלמה ני"ו, עב"ג בת מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א. די חתונה וועט אי"ה פארקומען אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג, און אזוי ווי ביי די פריעדיגע חתונות אין בית המדרש, וועט אויך די חתונה נאכט זיין אויפ'ן ביליגסטן פארנעם, אן דעם וואס עס זאל קאסטן א פרוטה פאר די מחותנים.

צוביסלעך ווערט עס מער און מער א פאקט, אז מ'קען חתונה מאכן די קינדער מיט א רואיגע געוויסן, אן דעם וואס ס'זאל דרוקן ביים הארץ, און די מחותנים קענען אהיימגיין נאך די חתונה מיט א שמחה און פרייד אז מ'האט זוכה געווען חתונה צו מאכן די קינדער, אן דארפן אהיימשלעפן א זאק חובות אויף די איינגעבויגענע פלייצעס.

פאר די פרישע פאר-פאלק וועט גארנישט צוהעלפן אין לעבן די טייערע איבריגע צוגעהער וואס מ'געבט אויס לרחצה פון אלע זייטן, בלויז ווייל "יעדער" טוט אזוי, און די עלטערן מוזן זיך נעבעך ספראווען מיט די געלט וואס זיי האבן געבארגט/געשנארט/גע'גנב'ט בלויז צו קענען אויסזען ווי שיינע אהערגעשטעלטע מחותנים.

ווער ס'האט שוין מיטגעהאלטן מיט די אייגענע אויגן א חתונה אין בית המדרש, ווייסט אז עס פעלט גארנישט פאר די חתונה, די שמחה און פרייד ביי יעדע חתונה באזונדער איז ב"ה אויפ'ן העכסטן פארנעם. יעדער איז פריילך, יעדער איז צופרידן, גארנישט ווייניגער ווי ביי סיי וועלכע חתונה. צו וואס פעלט אויס צו ווארפן בלוטיגע געלטער פאר די מיסט?

פארשטייט זיך אז ווען די חתונה קומט פאר אין שול, פאר אומזיסט, זענען שוין די איבריגע הוצאות החתונה אויך אויפ'ן מינימאלסטן אופן. און אזוי קומט אויס אז די מחותנים דארפן זיך נישט אנבארגן קיין געלט חתונה צו מאכן די קינדער, נאר קען שעפן נחת פון די פרישע פאר פאלק מיט א רואיג און פרייליך געמיט.

**דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז די גאנצע חתונה, פון די שידוך שליסן ביז נאך די שבע ברכות, הכל בכל מכל כל, קאסט אים נישט מער ווי צווישן זיבן און אכט טויזנט דאלער. דאס קומט אויס ביליגער ווי די בר מצוה פון דעם חתן, וואס דעמאלט האט מען אים געקויפט צוויי פאר תפלין, רש"י'ס און רבינו תם'ס, אזוי ווי דער מנהג איז אין ברסלב, און דאס האט שוין געקאסט מער פון דאס גאנצע חתונה מאכן.**

זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, זיי זאלן אויפשטעלן א בית נאמן בישראל לשם ולתפארת, און דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## שיינע שבת מברכים סיון מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל בלומינג גראוו יצ"ו

פארגאנגענעם שבת קודש פרשת בחקותי, שבת מברכים סיון, איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעקומען צו מחזק זיין דעם שיינעם בית המדרש היכל הקודש ברסלב, וואס איז געגרינדעט געווארן גענוי צוויי יאר צוריק, א שבת בעפאר שבועות תשע"ז, אינעם נייעם בליענדן שטעטל בלומינג גראוו יצ"ו אין שכנות פון קרית יואל.

שבת קודש אינדערפרי, נאך מוסף און תיקון הכללי, איז געווען א שיינע קידוש נאכ'ן דאווענען. דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות, ער האט אנגעהויבן מיט דעם וואס דער רבי האט געזאגט "איך זע אז תורה'ס העלפט שוין נישט, וועל איך אנהייבן צו פארציילן מעשיות", און אין די מעשיות האט דער רבי אריינגעפלאכטן מוסר עצות און הדרכה צו נוצן טעגליך אין לעבן.

ביים שמועס האט דער ראש ישיבה נאכגעזאגט די חז"ל אז רבי עקיבא האט געזאגט "איך וואונדער זיך צי מ'קען נאך היינט זאגן מוסר", האט דער ראש ישיבה ערקלערט, אז דער רבי האט געזאגט אז "מ'דארף וויסן וויאזוי צו זאגן מוסר. נישט יעדער איז ראוי צו זאגן מוסר, דער וואס ווייסט נישט ווי צו זאגן מוסר, קען נאך חלילה ערגער מאכן", און ווי רבי נתן האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "פאר יעדן לעפל מוסר, דארף מען א גאנץ שיסל התחזקות".

דערנאך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט איבער'ן סדר דרך הלימוד. און ארויסגעברענגט אז מ'האט יעצט געשריגן "חזק חזק ונתחזק", די אלע וואס האבן געפאלגט

<<<<<<


## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקודש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**